אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק
בחור היקר
# אין אידיש גערעדט
מיר רעדן דיין שפראך
שנה ג'- גליון צז'
פרשת יתרו תשפ"ג

י"ל ע"י
לוי יצחק שנעק
בעל מחבר ספרי יש לחקור
מגי"ש בישיבת קנין תורה
להערות ולנדבות, ולכל עניני הגליון ולקבלת העלון בדוא"ל יכולן לפנות .
315-400-1818
1818yiddish@gmail.com

## דו האסט הנאה פון דער זאך... אדער פון די דמיון פון דער זאך!!! (ח"א)

חיים, איך זע אז דו זיצט שוין אזא לאנגע צייט אויף איין פסוק חומש. קען איך אפשר וויסן וואס דו ביסט אזוי פארנומען???

משה, יא, דו ביסט פונקט גוט געקומען... ס'שטייט אין פסוק 'ויתיצבו בתחתית ההר...' ברענגט רש"י הק' (ד"ה בתחתית ההר) אראפ די גמרא, אז דער אויבערשטער האט אויסגעריסן די בארג סיני, און געלייגט אויף די קאפ פון די אידן, און געזאגט... **אם אתם מקבלין את התורה מוטב**, אז אויב איז מען מקבל די תורה איז גוט... **ואם לאו**, און אויב נישט... **שם תהא קבורתכם**, וועט עטס דא באגראבן ווערן... משה, איך פארשטיי נישט וואס גייט דא פאר...

**אויב זיי האבן געזאגט נעשה ונשמע... פארוואס האט מען זיי געדארפט צווינגען???**

חיים, די קשיא איז גאר גוט, און די תירוץ איז, אז אלטץ הכנה פאר קבלת התורה האט די באשעפער געוואלט ווייזן אז..............

**מ'האט נישט הנאה פון די זאך... נאר פון די דמיון!!!**

משה, קענסט מיר מסביר זיין וואס דו מיינסט... אז מ'האט נישט הנאה פון די זאך... נאר פון די דמיון... און אויך וואס האט דאס מיט מיין קשיא, אז אויב די אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע, פארוואס האט דער באשעפער זיי געדארפט צווינגען???

חיים, איך וועל דיר אלעס מסביר זיין בטוב... טעם... ודעת... אבער פארשטייט זיך קודם א מעשה....

**מעשה שהיה כך היה...**

ס'איז זייער באקאנט, אז אין ירושלים האט געוואוינט דער צדיק דאקטער משה וולך ע"ה... ער האט זיך געלערנט דאקטעריי אין דייטשלאנד... און זיינע עלטערן האבן אים איבערגעלאזט גאר א גרויסע ירושה... ער איז געקומען קיין ארץ ישראל, און ער האט געזען אז ס'איז נאר דא גאר א קליינע און צוריקגעבליבענע שפיטאל, וואס האט געהייסן 'משגב לדך', האט ער אויפגעשטעלט די באקאנטע שפיטאל 'שערי צדק', און ער האט דארט געברענגט גוטע דאקטוירים און נורסעס, אז מ'זאל קענען ראטעווען ווי מער מענטשן.

**ויהי היום**

איין טאג איז א פרוי אריינגעקומען אין שפיטאל האבן א קינד... דר. וולך האט איר אויסגעפרעגט די שאלות וואס מ'דארף וויסן בנוגע דאס האבן די קינד... און ער האט איר געגעבן א תהלים אז זי זאל קענען מתפלל זיין...

די פרוי רופט זיך אן: "איך גלייב נישט אין דעם..."

"ביסטו נישט קיין איד", פרעגט איר דר' וולך???

"יא, איך בין א איד", ענטפערט די פרוי, "אבער איך גלייב נישט אין די זאכן..."

"בסדר... אבער אין וואס גלייבסטו יא???" פרעגט איר דר. וולך...

"איך גלייב אין טבע, און ווען איך דארף עפעס בעט איך פון די טבע אז ס'זאל מיך העלפן!!!"

די פרוי איז אריין אין צימער... און דר. וולך האט אנגעזאגט פאר די נורסעס, אז מ'זאל איר לאזן אין די צימער, און מ'זאל איר נישט העלפן... אביסל שפעטער האט די פרוי געהאט יסורים, און...

**זי האט גענומען שרייען: "טבע טבע העלף מיך..."**

די נורסעס האבן איר געוואלט ארויסהעלפן, אבער דר. וולך האט געזאגט אז מ'זאל איר נישט העלפן...

אביסל שפעטער האט זי נאכאמאל אנגעהויבן שרייען: "טבע טבע העלף מיך". און דר. וולך האט געזאגט פאר די נורסעס אז זיי זאלן איר נישט העלפן... און ער וועט זיי שוין זאגן ווען זיי קענען איר העלפן... אביסל שפעטער איז די צער געווארן געפערליך

**און זי האט גענומען שרייען: "באשעפער העלף מיך!!!"**

דר. וולך האט זיך אנגערופן, יעצט זאלט עטס איר אריינגיין העלפן, ווייל ס'איז געקומען די ריכטיגע צייט וואס זי דארף האבן דאס קינד. מ'האט איר געהאלפן, און זי האט ב"ה געהאט א געזונטע קינד...

נאך וואס ס'איז שוין געווען רואיג, האט איינער פון די ארבייטער געפרעגט, ילמדינו רבינו, אזוי פירט מען זיך אויף??? ווייל דו האסט איר געוואלט ווייזן אז די טבע קען נישט העלפן נאר דער באשעפער....

**האסטו איר געלאזט האבן אזעלכע יסורים?**

האט זיך דר. וולך אנגערופן, אז ענק האבן געהאט גאר... גאר... א גרויסע טעות. די סיבה פארוואס איך האב נישט געלאזט אז מ'זאל איר העלפן, איז נישט ווייל איך האב איר געוואלט ווייזן אז איך בין גערעכט... און אז די טבע קען נישט העלפן, נאר ווייל איך האב פשוט נישט געוואלט אז מ'זאל סתם אריינגיין צו איר ווען זי דארף ענק נישט האבן...

דער ארבייטער קוקט אן דר. וולך מיט פארוואונדערטע אויגן, און פרעגט פארוואס זאגסטו אז ס'איז בחינם... זי האלט פארן האבן א קינד, און זי האט יסורים... איז פארוואס זאגסטו אז ס'איז בחינם??? האט זיך דר. וולך אנגערופן

**הער זיך גוט צו, איך וויל דיר אויסלערנען עפעס גאר... גאר... וויכטיג.......**

יעדער איד... אזוי ווי דו הערסט. יעדער איינציגסטער איד, נישט קיין חילוק וואו ער האלט אין אידישקייט... נישט קיין חילוק צי ער זאגט אז ער גלייבט... אדער ער שרייט אז ער גלייבט נישט. במציאות גלייבט ער... דאס איז א פאקט... סיי צי ער איז מודה... אדער ער איז נישט מודה... איז ממילא, ווילאנג זי האט געשריגן אז די טבע זאל איר העלפן, האב איך געוואוסט אז איר צער איז נישט אזוי גרויס, ממילא איז נאכנישט די צייט וואס זי דארף האבן דאס קינד... אבער ווען זי האט געשריגן באשעפער העלף מיר, האב איך געוואוסט אז זי איז באמת אין יסורים, און ס'איז געקומען די צייט צו האבן דאס קינד... אבער ווילאנג זי האט געשריגן טבע העלף מיך, האב איך געוואוסט אז די יסורים זענען נישט אזוי שטארק, און ס'איז נאכנישט געקומען די צייט.

**משה, ס'איז זייער א שיינע מעשה, אבער וואס האט דאס מיט מיין קשיא???**

חיים, זייער פשוט... איך וועל דיר זאגן די אמת וואו ס'האט זיך אלעס אנגעפאנגען. מ'האט מיך גערופן צו קומען צו א ביטער קראנקער מענטש ל"ע, וואס מ'קען זאגן אז ער האט געהאט גאר א גוטע לעבן... ער האט געהאט אסאך געלט... אייביג געהאט די נייעסטע... טייערסטע קאר... אייביג געהאט שיינע זאכן... שיך... הויזן... אינטערעסאנטע בעקיטשע... רעקל... גלעזער... ער האט גוט פארשטאנען צו אכילה... בקיצור, ער האט פיין געטשילט... ס'האט אויסגעזען אז ער איז דער צופרידנסטער מענטש אויף דער וועלט... און איך בין אים געקומען מחזק זיין.

**און איך האב נישט געקענט גלייבן וואס איך הער......**

**די מערסטע וואס האט געבאדערט פאר דעם מענטש איז געווען אז ער האט נישט געלעבט... יא חיים, אזוי ווי דו הערסט, ער האט געוויינט אז ער האט בכלל נישט געלעבט... און ער האט מיר געזאגט אז הלוואי וואלט ער נישט געהאט געלט... נאר ער וואלט ווען געווען א פשוט'ער ערליכער בעל הבית... וואס לערנט אפאר שעה... און געדאווענט אין א נארמאלע ערליכע בית המדרש... און אז ער האט זיך מתגבר געווען אויף ענייני קדושה... און ווי שטארק ער איז באמת מקנא זיינע חברים (וואס זענען אים מקנא), אז זיי האבן ערליכע חסיד'ישע קינדער...** חיים, וויאזוי איך האב אים מחזק געווען איז א צווייטער שמועס, אבער דאס איז נאר די ערשטע חלק.

**נאכמער האב איך נישט געקענט גלייבן וואס איך האב געהערט ביי די לויה!!!**

ס'איז דארט געווען א גרויסער עולם, און צווישן זיי זענען געווען זיינע חברים וואס האבן אויסגעזען ווי... יא, דו ווייסט וואס איך מיין... און איינער שטעלט זיך אויף און איז מספיד. ער הייבט אן, דער נפטר האט יעדעס יאר געהאט די נייעסטע קאר... ער האט אייביג געהאט די בעסטע טשאלענט... קושקע... גאלע... אייביג געהאט די שענסטע בעקיטשע... זיין מאטראץ איז געווען אזוי געשמאק...

**ווווווואס???? משה, האב איך גוט געהערט??? דאס האט מען געזאגט ביי די לויה???**

יא חיים, אזוי ווי דו הערסט, דאס האט מען געזאגט...

משה, ס'קען נישט זיין, איך גלייב נישט אז דאס האט מען געזאגט...

חיים, פארוואס גלייבסטו נישט???

משה, וואס הייסט פארוואס, יעדער איינער ווייסט אז די זאכן זענען שטותים... ס'איז גוט פאר שטופן די צייט... פאר דמיונות, אבער דאס איז נישט אויף וואס מ'קוקט ארויס...

**חיים, אוודאי האט מען דאס נישט געזאגט...**

אבער פארוואס טאקע נישט... ווייל יעדער ווייסט אז ס'איז שטותים, ממילא קיין איין נארמאלער מענטש וועט דאס נישט זאגן פאר קיין מעלה... נאר אדרבא פונקט פארקערט, מ'וועט רעדן וועגן זיין רוחניות... וועגן וואס ער האט זיך געמוטשעט, פארוואס?

**ווייל יעדער איינער, נישט קיין חילוק ווי ווייט ער איז, ווייסט וואס ס'איז באמת חשוב!!!**

ממילא אויב דו וועסט הערן איינער איז מספיד, און דערציילט אלע זיינע געשמאקע זאכן וואס דער נפטר האט געהאט, וועסטו לאכן און זאגן אז דער מענטש איז נישט מיט אלעמען...

**חיים, דאס איז טאקע די סיבה פארוואס 'כפה עליהם הר כגיגית', אפילו נאך וואס זיי האבן געזאגט נעשה ונשמע.**

ווייל למעשה אונז האבן א יצר הרע... און ער רעדט איין דעם מענטש אז אויב ער וועט האבן דאס... און דאס... וועט ער זיין גליקליך... צופרידן... happy... און באמת איז דאס נאר א דמיון, והא ראיה, ווען איינער איז ח"ו נישט געזונט... אדער ביי א לויה, רעדט מען קיינמאל נישט וויאזוי דער מענטש האט געטשילט... פארוואס? ווייל דעמאלס טראכט מען נאר באמת, נישט מיט קיין דמיונות... און ווען מ'נעמט אוועק די דמיונות דעמאלס זעט מען קלאר וואס איז באמת געשמאק... ווילאנג מ'איז אין די דמיון mode קען מען נישט זען די אמת... און מ'טראכט נישט אמת...

**מיט 'כפה עליהם הר כגיגית' האט מען זיי געוויזן אז די אלע זאכן איז נאר דמיון!!!**

ממילא דארף מען נישט ווערן דערשראקן ווען דער יצר ברענגט די אלע חלומות... און דמיונות... וועגן אלע זאכן וואס מ'קען באקומען... ווייל דאס איז אלעס דמיון... והא ראיה ווייל ווען ס'געשעט ח"ו א מצב פון כפה עליהם הר כגיגית, טראכט מען נישט פון די אלע געשמאקע זאכן... ווייל דאס איז אלעס דמיון.

**און דאס דארף מען געדענקען, אז ס'איז א מלחמה דמיון קעגן מציאות...**

דער עולם הגשמי שרייט מיט גרויסע קאלירן... אין וועלכע עדווערטייזמענט מ'קוקט ארייַן, שרייט עס מיט אלע קאלירן ווי געשמאק די וועלט איז... און ווי געשמאק ס'איז צו האבן דעם שטריימל... און דעם בעקיטשע... די שיך... און דעם הויז... ווי כאילו אלע קוקן ארויף אויף דיר ווען דו גייסט אזוי... ממילא קומט אויס אז א מענטש זעט פאר זיינע אויגן די גאלדענע גליקן... און פון די צווייטע זייט שטייט א מגי"ש... משגיח... ר"י... רבי... און זאגט ווי געשמאק תורה איז... אבער למעשה, די געשמאקע וועלט זעט דער מענטש מיט אלע קאלירן... און די תורה זעט עפעס אויס ווי ס'איז נישט אזא געשמאקע זאך... ס'איז אפשר גוט נאך די הונדערט און צוואנציג... אדער ס'איז נישט געמאכט פאר מיר... **דאס איז נאר ווייל מ'האלט מלחמה א מציאות קעגן א דמיון**

**בקיצור למעשה**

די נקודה איז גאר וויכטיג פאר אונזער דור, וואס די גאנצע גשמיות'דיגע וועלט זעט אויס אזוי שיין... ס'איז הערליך קאלירט, אין ס'דרייט זיך ארום אלע מיני בילדער אין קליפס פין אלע מיני גשמיות'דיגע זאכן... אין ס'שרייט אז ס'איז אזוי געשמאק.... און דער מענטש קען פילן אז ווען ער זאגט זיך אפ פון די אלע זאכן, איז ער מקריב זייער גוטע זאכן, און ממילא קען דער יצר הרע אים ארייַנכאפן, און וועגן דעם 'כפה עליהם הר כגיגית', אז דער מענטש זאל געדענקען וואס איז באמת חשוב, און וואס איז נאר דמיון, ממילא וועט ער נישט ווערן פארקויפט פאר די אלע קאלירטע בילדער וואס ער זעט.

**אין דמיון קען מען גיין גאר ווייט!!!**

אבער ווען מ'טראכט מיט אן אמת... אן די דמיון... ווייסט יעדער וואס מאכט א מענטש באמת גליקליך און צופרידן...

**און דאס האט דר. וולך געזאגט...**

אז ווילאנג זי לעבט נאך מיט דמיונות קען זי זאגן וואס זי וויל... און זיך פראבירן צו פאפן... אבער די סעקונדע וואס די דמיונות פאלן אוועק, האט זי זייער גוט געוואוסט צו וועמען מ'דארף מתפלל זיין...

חיים, און דאס ממש איז ביי יעדעם... תורה און מצוות דארף מען זיך קודם פלאגן... אין גשמיות גראדע דארף מען זיך אויך פלאגן, אבער דער יצר הרע ברענגט די דמינות אזוי שטארק, אז ס'איז שווער צו מלחמה האלטן מיט דעם, ווייל די תורה פארקויפט נאר אמת'דיגע זאכן... נישט קיין דמיונות... און ס'איז א מלחמה מיט דמיון... און מיט דמיון קען מען דיר אלעס פארקויפן...

**און די גאנצע הנאה איז נאר פון די דמיון!!!**

ווייל די אלע זאכן וואס מ'מיינט אז ס'איז געשמאק, איז נאר דמיון... וואס יעצט אויף די מינוט מיינט מען אז ס'איז געשמאק, אבער למעשה ווען די דמיון פאלט אוועק, בלייבט מען מיט די מציאות, והא ראיה וועסט פרעגן איינעם נאך וואס ער האט שוין באקומען וואס ער האט געוואלט, אויב די געשמאק איז געווען ווי ער האט זיך גע'דמיונ'ט, וועט די תירוץ אייביג זיין אז 'ניין...' און ברוחניות איז פונקט פארקערט, אייביג וועט די הנאה זיין מער ווי די דמיון...

**אין דאס איז די וויכטיגסטע הקדמה פאר קבלת התורה בפרט אין 2023 למספרם**

ווייל אמאל איז די נסיון געווען נאר ווען מ'האט געזעהן די זאך אליין.... אבער היינט מיט די אלע בילדער.... אדווערטייזמענט.... אין די אלע קליפס.... אין בפרט די אינטערנעט..... איז אלעס דמיון..... מ'פרובירט צי ווייזן ווי געשמאק ס'קען זיין....... ממילא יעדער מענטש אין די גאנצע וועלט קען ארייַן ברענגען אלע מיני משיגינע נידריגע תאוות..... אין ער מאכט דאס נאך אויסזעהן געשמאק.....

**אין מ'רעדט זיך איין אז כדי צי זיין א ערליכע חסודישע בחור דארף מען דאס אלעס מקריב זיין פאר די באשעפער... ווען באמת די מענטש וואס מאכט די אדווערטייזמענט אין די קליפס טוט דאס נאר אלטץ שפיל..... ער אליין ווייסט אז ס'איז א שפיל אין די מיינסט אז ס'איז אמת.**